טרינקט בעלס
רשינדזשער איל ארענדזש
דריי
באשטעלט א קייס היינט
BELL BOTTLING CO. (באראריצקי ברידער) PHONE 51 591

1 טאג
געדיינקט אז מיר קאנען אייך געבן באדינונג אויב איר פארלאנגט. דריי קלינינג אין אלע אייערע אדער פארבן
37 266, PERTH DYE WORKS LTD.
ג. פ. פארטנאי, מענעדזשער

Robin Hood
FLOUR
פאר אלע היימישע געבעקסן

זינדיק בלוט

א העכסט שפאנענדער ראמאן פון דעם אידישן לעבן אין אמעריקע

◆◆◆◆

פון א. ה.

(פארזעצונג)

— א ? איך טראכט וועגן דעם : וואס האט נאך דער דזשייק דארט צו טאן ? וואס וויל ער נאך האבן ?

— וואס ווייס איך ? אז מען וועט אים אפזאגן וועט ער נישט זיין.

— איך וועל שוין זעען. איך וועל שוין מארגן זעען וואס איך האב צו טאן.

— און וואס וועט זיין מיט די אינשורענס ? זי וועט טאקע צונעמען די אינשורענס ?

אזוי האט קיידי געפרעגט און אין אירע אויגן האט אויפגעפלאמט א שלעכט און בייז פייערל. בענדזשאמין האט זיך דערפילט אזוי ווי מען וואלט אים מיט שפאט א פאטש געטאן. ער האט דערפילט ווי אין אים איז פול מיט באליידיקונג און עס הויבט אן א כעס ברענען אין זיינע גלידער. אבער ער האט זיך אנגעשטריינגט, ער האט פארשטיקט דעם כעס און ער האט נישט געענטפערט מיט בייזקייט. ער האט נאר א זאג געטאן :

— ס'איז דאך אזוי שפעט. עס דארף שוין באלד טאג ?

— איז וואס ?

— איז לאמיר עס איצט אפלאזן. וואס־זשע עס וועט קיין צייט ניט זיין זיך צו באטראכטן וועגן דעם ? איך וויל נאך אביסל שלאפן. מארגן וועל איך שוין גיין אין פעקטארי. איך מוז דאך זעען וואס עס טוט זיך דארט !

— געווים . . . געווים . . .

קיידי האט געקוקט אויף אים מיט חשד. איר איז נישט געווען געפעלן וואס ער האט געוואלט אויסמיידן דאס געשפרעך וועגן "איר". זי האט אבער איר חשד ניט ארויסגעוויזן. זי האט צוריק געמאכט פינסטער און זי האט זיך צוריק געלייגט אין איר בעט.

אבער זי איז נישט איינגעשלאפן. זי איז געלעגן און מיט שרעק געטראכט אז ניין . . . . די פאסירונגען האבן זיך נאך נישט געענדיקט, אז ער האט זי נאך ניט פארגעסן.

ניין, "זי" ליגט אים נאך גוט אין זינען. ווער ווייסט וואס פאר א סורפריזן עס דערווארטן איר נאך. ווער ווייסט וואס ס'וועט נאך פאסירן. וואס זשע ? זי האט דען נישט געזעען ווי איבעראשט און צעטומלט ער איז געווארן ווען זי האט אים דערמאנט אן "איר" ?

ניין, זי איז נאך מיט אים נישט פארטיק. זי וועט נאך האבן גרויסע צרות.

און בענדזשאמין האט אויך די גאנצע צייט די אויגן ניט צוגעמאכט. ער איז איצט געלעגן און ער האט געטראכט פון סילוויא'ן. ער האט געטראכט, אז מארגן וועט ער זיין אין פעקטארי, ער וועט דארטן זעען דזשייק'ן און ער וועט זיך פון אים דערוויסן וואס עס הערט זיך מיט סילוויא'ן. ס'קאן דאך זיין אז מיט איר האט עפעס פאסירט. ער איז מער ווי זיכער, אז זי איז געווען נישט געזונט. אויב אזוי — וועט ער מארגן גלייך אוועקלויפן צו איר, ער וועט זי אריינכאפן אין זיינע ארעמס און — וועט זיך אויש צעוויינען פאר פרייד און גליק.

דערווייל — מוז מען ווארטן. ער האט געווארט מיט אומגעדולד אויף דעם מארגנדיקן טאג און ער האט געפילט : צוריק האט זיין ליבע מיט שטארקער קראפט אויפגעוואכט צו איר. צוריק ציען זיך אלע זיינע גלידער מיט נעבעט צו איר און ס'איז אים איצט געווען אומפארשטענדלאך : ווי אזוי האט דאס געקענט פאסירן אז ער האט דורכגעלאזט די עטלאכע טעג און ער האט זיך פון איר גארנישט דערוואוסט ? ער האט זיך אפילו ניט באמיט אויסצוגעפינען וואס ס'איז מיט איר. עס קאן דאך זיין, אז זי ווארט דארט אויף אים מיט דער גרעסטער אומגעדולד, אז זי פארגיסט דארט טרערן אין דער שטיל ביינקנדיק נאך אים ! און צוליב וועמען האט זי צעבראכן איר לעבן אויב ניט צוליב אים ? האט זי דען נישט ארויסגעוויזן אן א ברעג ליבע צו אים ? האט זי דען נישט פארלאזט דעם אלטן צוליב אים ?

ער האט פארמאכט די אויגן. ער האט זיך דערמאנט אין יענער שטורמדיקער נאכט און — דער ריח פון יענער נאכט איז איצט צוריק געקומען. ער האט אויף דאס ניי איבערגעלעבט איר נאענטקייט. ער האט געפילט אירע ציטערדיקע און הייסע ליפן, ער האט געזעען ווי אירע אויגן ברענען מיט ליידנשאפט און ער האט געהערט ווי זי שעפטשעט :

— בען, בענוש, טייערער מיינער.

און די ליידנשאפט האט אויך אין אים געברענט מיט ווילדקייט, און שטיל, אין זיך אריין האט ער געשעפטשעט אן א קול :

— סילא ! מיין איינציקע . . . מיין איין און איינציקע !

אזוי האט ער בכסדר אין זיך אריינגעמורמלט און מיט אומגעדולד האט ער געווארט אויפן קומענדיקן טאג.

באלד אין דער פרי האט זיך בענדזשאמין אויפגעהויבן און ער האט זיך דערפילט אזוי ווי ער וואלט אויסגעהיילט געווארן. זיין ענערגיע האט צוריק צו אים זיך אומגעקערט, ער האט זיך געפילט ענערגיש, מוטיק און פול מיט לעבן. ער האט זיך גלייך אנגעטאן און זיין פנים האט צוריק באקומען א געזונטע פארב. אין אים האט עפעס א ליכטיקייט געשיינט. און ער האט ביי זיך באשלאסן : היינט נאך וועט ער זעען סילוויא'ן. ער וועט פשוט נעמען און צופארן צו איר מוטערס הויז, וועט אהין אריינגיין, און אז די מוטער וועט אים באגעגענען מיט וואונדער — וועט ער איר זאגן : אז ער איז געקומען זיך דורכריידן מיט סילוויאן וועגן איר ירושה . . .

קיידי האט זיך אויפגעכאפט און זי האט באמערקט ווי בענדזשאמין טוט זיך אן — האט זי א פרעג געטאן :

— איז וואס ? גייסטו היינט טאקע אין אפיס ?

— געווים, ס'איז דען נאך נישט צייט ?

— אדרבא, געווים מוזסטו גיין אין אפיס, דו מוזסט דאך זעען וואס עס טוט זיך דארטן אין פעקטארי !

— וועל איך טאקע באלד גיין.

ער האט זיך גלאטיק ארומגעראזירט און ער האט גענומען א באד און ער האט זיך אנגעטאן.

קיידי האט זיך פאר דער צייט אויך אנגעטאן און זי איז אראפ אין קיך צוגרייטן פאר בענדזשאמינען ברעקפעסט. ווען בענדזשאמין איז אראפגעקומען איז שוין דאס עסן געשטאנען גרייט אויפן טיש.

געגעסן האט ער אן אפעטיט. ער האט געפילט אין זיך גרויס אומגעדולד און טאקע דערפאר האט ער זיך פאר'עקשנ'ט און ער האט זיך דווקא נישט געאיילט. קיידי איז אויך געזעסן לעבן טיש. דאס קינד האט זי געהאלטן לעבן זיך און זי האט עס אנגעהארעוועט. די דינסט האט אלץ דערלאנגט און אין שטוב איז עפעס געווארן פריילאכער, אויפגעלייגטער און היימישער. א ליכטיקער פרימארגן איז געווען אין דרויסן און די ליכטיקע זומערזון האט אריינגעשיינט דורך די פענסטער. פון גאס האט זיך דערטראגן אין שטוב אריין א פיטשען פון פויגל און א פריילאך גערויש פון דעם זומערדיקן טאג.

און דא האט זיך קיידי דערמאנט :

— יא . . זע נאר זע . . . מיר האבן גאר פארגעסן א טראכט טאן וועגן סעמ'ען ?

— א ! וועגן סעמ'ען ? עס איז מיר גאר ארויס פון זינען.

— וואס זשע וועט טאקע זיין מיט אים ? מען דארף עפעס טאן פאר אים ?

— וואס זשע הייבט מען אן צו טאן ?

בענדזשאמין איז צעטומלט געווארן. זינט דער פאטער איז געשטארבן איז ער געווען אזוי צעטראגן, אז ער האט גאר פארגעסן צו טראכטן וועגן זיין אייגענעם ברודער, וואס געפינט זיך אין אזא שרעקלאבער לאגע . . . ער האט גאר פארגעסן אן דעם. איצט אבער האט ער גלייך דערפילט אין וואס פאר א צרה סעם געפינט זיך. ער האט גאנץ גוט געוואוסט מיט וואס דאס שמעקט, מיט וואס סעם קאן אפשניידן פון אזא באשולדיקונג, איז וואס זשע טוט מען איצט ? און טאמער איז עס טאקע אמת ?

ער האט גאנץ גוט געקאנט סעמ'ען. ער האט געוואוסט אז ער איז יונג, וואס איז זייער עקסטרים, וואס באטראכט זיך גענוי איידער ער טוט עפעס. אבער פונדעסטוועגן האט ער נישט געקאנט גלויבן אויף אים, ער זאל באגיין א מארד, אבער דאך ? אפשר אין א מאמענט פון צערודערונג . . . . אין א מאמענט פון פארלוירנקייט — ווער ווייסט ? אפשר ?

— וואס זשע טוט מען ? אפשר וואלט איך גלייך אהין צוגעפארן ?

— וואוהין ווילסטו פארן ? צו ביטריסען ? ווייסטו דען איר אדרעס ? דו ווייסט דאך אפילו נישט ווי זי צו געפינען ? !

— וואס זשע ? זי האט די גאנצע צייט נישט געשריבן ?

— געשריבן האט זי, אבער איר אדרעס, וואו זי געפינט זיך, האט זי ניט געשריבן. עפעס געפינט זי זיך צוזאמען מיט סעמ'ען שותפים . . .

— וואס זשע ? מען האט איר גארנישט געענטפערט ?

— איך אליין האב איר אנגעשריבן א פאר בריוולאך.

— אז דו האסט נישט קיין אדרעס טא ווי אזוי האסטו געשריבן ?

— איך האב צו איר געשריבן אויף "דזשענעראל דעליווערי", און אפילו נישט אויף איר אייגענעם נאמען.

בענדזשאמין האט זיך פארטראכט.

די לאגע האט אויסגעזעען צו זיין זייער אן ערנסטע.

זיין פנים איז געווארן רחמנות'דיק. ער האט דערפילט גרויס מיטגעפיל צום ברודער און ער האט געזאגט :

— אבער מען מוז דאך עפעס זעען צו טאן ! מען קאן דאך אים נישט איבערלאזן אויף הפקר ? עס האנדלט זיך דאך נישט אין קיין קלייניקייט ? סעמ'ס לעבן איז דאך אין קאן !

— וואס זשע דיינקסטו צו טאן ?

— ווייס איך ? און אפשר וועל איך טאן אזוי : איך וועל אנשרייבן היינט א בריוו צו ביטריסן. איך וועל איר לאזן וויסן אז איך קום מארגן אהין און זי זאל מיר אפווארטן ביי דער טריין . . . אפשר דארף מען געלט ? אפשר קאן איך דארט עפעס העלפן ?

— געלט האט זי דארט גענוג.

— אבער ווי אזוי קאן מען זי לאזן אליין ?

דערווייל האט זיך דערהערט א קלונג פון דער פארטש טיר. בענדזשאמין אליין האט זיך אויפגעהויבן.

— איך וועל זעען, אפשר איז דאס די פאסט ?

ער איז מיט שטייפע טריט אוועק צום פארטש און ער איז באלד פון דארט צוריקגעקומען מיט איינציקע בריוו אין האנט. גייענדיק האט ער געלייענט די אדרעסן.

— פון ביטריסן אפשר ? — האט קיידי געפרעגט.

— יא . . . איין בריוו איז פון איר.

בענדזשאמין האט זיך געזעצט ביים טיש. קיידי איז געבליבן שטיין לעבן אים און ער האט געעפנט דעם בריוו. דער בריוו איז געשריבן צו קיידי'ן אז מיט סעמ'ען האט פאסירט זייער נישט קיין אנגענעמע זאך. ער איז ארעסטירט געווארן . . . זי האט שטארק געבעטן נישט צו דערלאזן אז דער פאטער זאל זיך פון דעם דערוויסן . . . זי האט נישט געשריבן פארוואס סעם איז ארעסטירט און אין וואס מען באשולדיקט אים, נאר פון איר שרייבן האט מען זיך געקאנט אנשטויסן, אז די באשולדיקונג איז א שווערע. ביים סוף פון בריוו האט זי געשריבן :

" איך גלויב, אז סעם איז אומשולדיק. נישט איך גלויב, נאר איך בין זיכער, אז ער איז נישט שולדיק און איך בלייב דא ווייל איך האף צו געפינען דעם אמת'ן שולדיקן . . . "

זי האט געבעטן נאך געלט ווארום ווי זי האט זיך דערוואוסט, וועט דער משפט פארקומען נאר אין גיכן. זי האט שוין ענדלאך געקראגן א לאיער.

(ווייטערעס — קומט)

פאר זונטאג
וועט קענד סעמאן פראדוצירן א שנעלן פארגעניגנדיקן מאלצייט . . . סיי הייס אדער קאלט . . . און צו א נידעריקן קאסט.
שרייבט פאר'ן נייעם פרייען שיינעם רעסיפי ביכל.
Canadian Canned Salmon
CANNED SALMON ADVERTISING COMMITTEE
M-4 402 West Pender Street, Vancouver, B.C.

ליינט אוועק אייער געלט אין זיכערקייט
טאג איין, טאג אוים, הערן מיר וועגן מענשן וועלכע האבן פארלארן איינגאנצן זייער געלט דערפאר ווייל זיי האבן עס געהאלטן אין א ניט זיכערן פלאץ. אדער זיי האבן אוועקגעגעבן זייער געלט צו ניט־ראיעלע מענשן צו האלטן עס פאר זיי.
באהאלט ניט אייער געלט ביי זיך אדער אין אייער היים אדער סטאר, וואו איר טראגט א ריסק צו ווערן בארויבט אדער פארלירן עס דורך א שריפה.
האלט עס אין א בראנטש פון דער דאזיקער באנק וואו איר קאנט אייער געלט ארויסציען צו יעדער צייט ווען איר דארפט עס האבן.
The Royal Bank of Canada

מיט די פאליטישע פארשיקטע

(שלוס פון זייט 2)

קא זעמלי). די ארטיקע מאכט האט פארשפראכן צו געבן די פויערים אוואנסן אויפן חשבון פון זייער לוין ארבעט פון 2 ביז 4 ר" א טאג און א ביסל ברויט. פויערים האבן אפגעארבעט צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס גאנצע חדשים און אנדערע האבן פארדינט ביז 600-500 ר" פארן ארבעטס סעזאן, נאר די מאכט האט זיי קיין איין קאפיקע ניט באצאלט. די פויערים האבן קיין ברויט אויך ניט באקומען.

אין אווגוסט 1930, איז אויסגעבראכן כמעט א "אויפשטאנד". אלע פויערים זיינען ארוים אין פעלד און זיי האבן אפגעשטעלט די ארבעט. מען האט געבראכט אין פעלד איינעם פון די ארטיקע מאכט האבער — קליאסטארני — און זיי האבן געפאדערט אז ער זאל אויפהערן פייניקן די קאלאניע מיט הונגער. יעדער פויער האט גענומען איניקע זעק ווייץ, מען האט געעפנט די מיל וועלכע איז געשטאנען די גאנצע צייט געשלאסן און זי האט אין משך פון א טאג און א נאכט געארבעט אומאויפהערלאך און זי האט געמאלן די ווייץ פאר די פויערים. נאך חדשים פון האלב הונגערן האבן די פויערים באקומען ברויט, וואס האט זיי געסטאיעט אויף עטלאכע וואכן.

אין דעם קאאפעראטיוו קאן מען ניט קויפן קיינע פראדוקטן. אגבי דריי מאל האבן די פארוואלטער "אויסגעליידיקט" דעם קאאפעראטיוו.

די יוגנט, אין איר גרעסטער מערהייט פארלאזט די קאלאניע. מענשן אין עלטער פון 18 ביז 35 יאר זיינען זייער ווייניק. ס'זיינען פארבליבן דער עיקר שוואכע, אלטע און קינדער.

וואוהין איז אוועק די יוגנט ? זי איז אוועק זיך לערנען : ווער אין דעם איד. סעקטאר פון דעם צווייטן מאסקווער אוניווערסיטעט, ווער אין די אינסטיטוטן פאר פעדאגאגיע און פאר פינקטלאכער מעכאניק אין אדעס און אין אנדערע מיטעלע און העכערע לערן אנשטאלטן אין כארקאוו, קיעוו און אפילו אין מינסק.

אזוי שטייען מיר פאר דעם טרויעריקן פאקט אז דער יונגער דור פארלאזט די קאלאניע אויף א לייננערער צייט און ווער ווייס אויב ניט אויף אייביק.

קיין געזעלשאפטלאכער לעבן איז דא ניטא. דער קלוב פון "קאמיוג" (קאמוניסטישע יוגנט) ווערט אין אוונט ניט באלייכט. פון פערציק מיטגלידער זיינען איצט נאר אכט פארבליבן. דער איינציקער פונקט וואו מען קאן קאנסטאטירן א געוויסן פראגרעס איז די ארטיקע זיבן יאריקע שול. ס'זיינען דא לערער, וואס באציען זיך מיט ליבע צו די בילדונגס און דערציאונגס ענינים.

אנהויב דעם יאר האט זיך ווידער באנייט די צוואנגס קאלעקטיוויזאציע. מען לייגט ארויף אויף די קאלאניסטן וועלכע זיינען נאך ניט אריינגעטראטן אין דעם קאלעקטיוו און האבן שוין דריי מאל באצאלט שטייערן — נייע שטייערן ביז צען פוד ווייץ. אזוי ווי ביי א קאלאניסט איז ניטא קיין אייגענע ווייץ, מוז ער זי קויפן אין שטאט לויט די הויכע מארק פרייזן. צוליב דעם קומט עס אוים צו פארקויפן אלץ וואס ביי אים איז נאך פארבליבן אין הויז.

31. 1. 15. די גרויסע שדה מנוחה. די לאגע אין דער קאלאניע איז זייער א אנגעשטריינגטע. מען האט ווידער אנגעהויבן נויטן די קאלאניסטן אריינצוטרעטן אין דעם קאלעקטיוו. איז דען דא אן אנדער ברירה ? מען מוז אריינטרעטן, ווען ניט לייגט מען ארויף אזוינע שטייערן, וואס זיי זיינען ניט בכוח צו צאלן. מיר זיינען נאך ניט אריין. נאר ווי עס ווייזט אוים וועט אונז קיין שום זכות ניט ביישטיין און מיר וועלן מוזן אינגיכן אנגעבן א מעלדונג וועגן אריינטרעטן אין דעם קאלעקטיוו.

די טעג איז אנגעקומען א נייער באפעל : די קאלאניע זאל צושטעלן פלייש. מען נעמט ביי אונז אפ צוויי בהמות. דאס איז פאר אונז אזא קלאפ, אז איר קאנט זיך גאר אים ניט פארשטעלן. די ביידע בהמות זיינען ביי היינטיקן טאג דער וויכטיקסטער קוואל פון חיונה. אן מילך וועלן מיר ניט קאנען קריגן צוקער, זאלץ, נאפט און א. וו. ניטא קיין אויסוועג פון אונזער לאגע.

די אינקוויזיציע מיטלען ביי דער "מיטלען מאביליזאציע".

מיר האבן באקומען פון א סך שטעט און שטעטלאך אין רוסלאנד ידיעות וועגן א סדרה פון נייע ארעסטן. מען ארעסטירט איצט ניט פאר "חובות" ("ידיעות" 4-5) נאר יעדן, וועלכן די מאכט איז חושד אז ער איז פארמעגלאכער מענש. א נייער לאזונג "מאביליזירן מיטלען" פאר דעם פינף יאר פלאן ! די "מאביליזאציע" פירט מען דורך מיט אן אויסערגעווייגלאכער אכזריות. מיר פארעפנטלאכן דא א בריוו פון קיעוו, וועלכן מיר האבן דערהאלטן מיט א צייט צוריק. דאס וואס עס ווערט דערציילט איז אזוי גרוויזאם, אז ס'איז שווער צו גלויבן. מיר האבן אבער באקומען נייע ידיעות וועלכע באשטעטיקן דעם בריוו.

קיעוו, 30. 12. 14 . . . די מאכט האט צוגענומען פאר די שטייערן אלץ וואס ס'איז נאר געווען אין די הייזער פון פילע איינוואוינער — אפילו די בעטן. לעצטענס זיינען געמאכט געווארן אונטערזוכונגען און די נייע ארעסטן מיט דעם, וואס די רעגירונג נויטיקט זיך אין גרויסע מיטלען פאר דער "פיאטילעטקא". באאמטע פארשן אוים ווער ס'האט נאך ביי זיך געלט. צו אזעלכע, וועלכע מען איז חושד אין דעם, קומט מען און מען ארעסטירט. מען פארזעצט צווייענווייז אין שמאלינקע קאמערלאך, וועלכע האבן זיך אמאל גערופן "שטיינערנע זעק". אין אזא קאמערל איז דא ארט נאר פאר צו שטיין, אבער ניט זיצן. מען האלט זיי אן ערך דריי טעג. מען דערלויבט זיי ניט ארויסגיין אפילו צוליב נאטירלאכע באדערפענישן. מען דערלאנגט זיי א האלבן פונט ברויט א טאג און מער גאר ניט. אין דריי טעג ארום קומט מען און מען פרעגט זיי, צו זיי זיינען גרייט אפצוגעבן דאס באהאלטענע געלט ביי זיי.

ווען דער ארעסטירטער פארשפרעכט אפצוגעבן דאס געלט אבי מען זאל אים לאזן גיין אהיים, הייסט מען אים פריער אנשרייבן דער פרוי אדער די קינדער זיי זאלן דאס געלט אפגעבן און נאר נאכדעם באפרייט מען אים פון דער תפיסה.

נאר ווען די ארעסטירטע ווילן ניט אפגעבן, אדער זיי האבן באמת ניט קיין געלט, געפינט מען שוין א תרופה צו זייער עקשנות. מען לאזט אריין זייער א הייסע פארע אין קאמערל ביז די ארעסטירטע מוזן אין צושטאנד פון חלשות און פון שיר ניט דערשטיקט צו ווערן, מסכים זיין צו די פאדערונגען פון ג. פ. או. מען גיט דאן אפ אלץ וואס זיי האבן, אבי צו ראטעווען זיך.

ביטער איז אבער דעם וועלכער האט באמת ניט קיין געלט. אים מאטערט מען ווייטער.

ענלאכע ידיעות האבן מיר דערהאלטן פון אדעס, וויניצע, קאלינאווקע, פיקאוו, ריבניצע. מיר ברענגען זיי אין קורצן.

אדעס. סוף פעברואר 1931. — די לעצטע חדשים ארעסטירט מען מענשן, וועלכע מען איז חושד אז זיי האבן געלט. כדי צו נעמען ביי זיי דאס געלט פייניקט מען אויף אלערליי אופנים. 1) מען שטעלט צו דעם ארעסטירטן צו דער וואנט מיט פארבינדענע אויף הינטן הענט. הינטער אים שטייט א סאלדאט און לאזט אים ניט מאכן קיין איין באוועגונג. פרואווט דער ארעסטירטער א קער צו טאן מיט דעם קאפ, באקומט ער גלייך א קלאפ מיטן ביקס אין קאפ. 2) מען זעצט אוועק דעם ארעסטירטן אויף א הויכן ביינקל אן אן אנשפאר (אויפן לשון פון ג. פ. או. הייסט דאס "סטולציק".) און מען לאזט אים ניט איינדרעמלען. ווי נאר דער ארעסטירטער הויבט אן איינדרעמלען וועקט מען אים באלד אויף דער דעזשורנער סאלדאט. 3) מען צווינגט שטיין אויף איין פוס און די צווייטע פארלייגן אויפן אנשפאר פון א הויכן ביינקל. אין אזא צושטאנד האלט מען אים א לייננערע צייט. נאך איניקע טעג פון אזא פייניקן איז זיך דער ארעסטירטער מודה און גיט אוועק זיין געלט.

באפרייט זיך פון יענעם ווייטיק מיט זיכערקייט

Tablets
Aspirin
MADE IN CANADA
BAYER
Genuine

איר קאנט זיך שטענדיק באפרייען פון דעם ווייטיק אדער שטעכעניש אן שאדן מיט אספירין. אפילו יענע טיף־איינגעזעסענע ווייטיקן וואס מאכן א מאנ'ס בייזער ווייטיקן. און די סיסטעמאטישע ווייטיקן פון וועלכע אזויפיל פרויען ליידן. זיי וועלן זיך אונטערגעבן צו די דאזיקע טאבלעטס. עכטע אספירין האט א סך וויכטיקע נוצן. לעזט די אויסגעפרובירטע דירעקציעס אין יעדן פעקעדזש פון עכטן אספירין, און פארלייגנערט ניט וועלכע עס איז נוצלאזע ווייטיקן פון נוראלדזשיא, ניוריטיס, רומאטיזם.
האלט א פלעשל פון דיזע טאבלעטס אין הויז; טראגט מיט זיך די פאקעט טין אויב איר זייט אונטערווארפן צו אומדערווארטעטע קאפווייטיקן, פלוצלונגע פארקילונגען. שנעלע הילף אן וועלכע עס איז שעדלאכע ווירקונגען; אספירין דריקט ניט דאס הארץ. גיט בלויז אכטונג יעדן מאל אויפן נאמען אספירין — און אויפן ווארט ע כ ט ע געדרוקט אין רויט אויף יעדער באקס.
יעדער דראגיסט האט עכטע אספירין, און אויב איר קריגט די עכטע טאבלעטס זייט איר זיכער צו קריגן הילף.

סאסקאטון סאסקאטון

סאסקאטונער נאטיצן

דער קרן היסוד קאמפיין אין סאסקאטון

זונטאג, דעם 10טן מאי, האט זיך געעפנט דער 11טער קרן היסוד קאמפיין ביי אונז אין שטאט מיט א מאס־מיטינג און מר. און מרס. דע האאז, זיינען געווען די ערן־געסט פון קאמפיין. א גרויסער עולם האט אנגעפילט דעם שול זאל. פארזיצנדער איז געווען מר. הערין. דער פארזיצנדער האט געגעבן דאס ווארט צו מר. גאלדנבערג, וועלכער האט אין נאמען פון אלע פארזאמלטע באגריסט די געסט אין א ווארימער קורצער רעדע. דאן האט דער פארזיצנדער פארגעשטעלט מר. דע האאז.

מיט א שמייכל אויף זיינע ליפן, האט דע האאז אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט וואס ענדלאך האט ער די געלעגנהייט צו זעען די סאסקאטונער אידן פון וועלכע ער האט אזויפיל געהערט. דאן האט ער מיט אן ערנסטן טאן געשילדערט דעם היינטיקן ציוניזם און האט אונז איבערגעגעבן זיינע אייגענע דערפארונגען מיטן ציוניזם מיט וועלכן ער איז פארבונדן פאר די לעצטע 40 יאר. צום סוף האט ער דראמאטיש פארענדיגט : "מיר וועלן נאך דערלעבן צו זעען די אידישע ווייס־בלויע פאן אויף יגדל דוד."

נאך דעם האט מר. גאלדנבערג אין א פאר הארציקע ווערטער געעפנט דעם קאמפיין, וועלכער איז איבערגעריסן געווארן ביז אין אוונט צום באנקעט.

ארום 7 אזייגער איז דער ת"ת זאל געווען געפאקט און דער עולם האט זיך געלאזט וואוילגיין מיט די גוטע מאכלים וואס די הדסה האט צוגעגרייט. דער טשערמאן פון אוונט איז געווען מר. גאלדענבערג. נאכן עסן האט מען געזונגען די התקוה און דער טשערמאן האט גענומען דאס ווארט. צו ערשט האט ער באדאנקט די הדסה פאר די פיינע מאכלים און מרס. וו. איידעלמאן, וועלכע איז געווען קאנווינער און האט נאכדעם איבערגעגעבן דאס ווארט צום רב ר' וועל.

די פאלגנדע האבן גערעדט ביים באנקעט. מרס. טייטלבוים אין נאמען פון הדסה; זון פון מר. און מרס. אייס און מיס לילי'ען הערין האבן פרעזענטירט מרס. דע האאז מיט א בוקעט בלומען לכבוד מוטערס טאג. נאך דעם האט דער קאמפיין נאכגעפאלגט און עס איז געשאפן געווארן א סומע נאענט צו $3,000. די לעצטע רעדנער זיינען געווען : אין נאמען פון ת"ת, מר. מ. ד. פרידמאן, מר. זייטלין, מר. נארמאן נענזער ווייס פרעזידענט פון מערב קאנאדער בודזשעט. מרס. דע האאז האט געקראגן דאס ווארט. צוערשט האט זי באדאנקט די הדסה און אלע פרויען פאר דער פיינער אויפנאמע און נאכדעם האט זי זיך אפגעשטעלט אויף דער ארבעט פון דער הדסה אין ארץ־ישראל. דאן קריגט מר. דע האאז דאס לעצטע ווארט. ער שילדערט זיין באזוך אין ארץ ישראל און ווינשט יעדן צו זעען די שיינקייט פון אידישן לאנד. דער באנקעט האט זיך געענדיקט 11.30 אין אוונט און דער עולם איז זיך צעגאנגען מיט זינגען התקוה.

* * *

זונטאג, דעם 4טן מאי, ל"ג בעומר, האט די ליידיס אקזילערי דורכגעפירט א טאנץ אין ת"ת זאל. א גרויסער עולם האט זיך פיין אמוזירט מיט פארשיידענע טענץ, געשפילט פון א פיינעם ארקעסטער, און מיט פארשיידענע נאשעריייען. א טשעסטערפילד סעט פון 3 שטיק איז געראפלט געווארן "דאנייטעד" פון דער מאנטרעאל אפהאלסטערינג קא.. רעפרעזענטירט דורך מר. מ. דעווידנער. דער מזל'דיקער געווינער איז געווען מר. האסט. א טראוולער פון דער פירם "זשאוועל העמס מאנטרעאל". א דאנק דער טיכטיקער קאמיטע איז די אונטערנעמונג געווען א דערפאלג. מרס. באלזאן, מרס. הילמאן, די יונגע מרס. טשערקאוו, מרס. דראקסערמאן, מרס. דעווידנער און מרס. באקווילט, קאנווינער. אין נאמען פון דער אקזילערי ווערן באדאנקט ספעציעל מרס. באלזאן און מרס. הילמאן פאר דער גוטער ארבעט וואס זיי האבן אויפגעטאן.

* * *

מרס. גארדאן, וועלכע איז געווען א היגע איינוואוינערן פאר די לעצטע 10 יאר, און א טיכטיקע מיטגלידערן פון דער ליידיס אקזילערי האט איידער איר אפפארן קיין מאנטרעאל, בייגעשטייערט א וואונדערבארע בעט־דעק, וועלכע מען וועט ראפלען אין דער נאענטער צוקונפט. דאס איז איינע פון די פילע זאכן וואס מרס. גארדאן האט "דאנייטעט" און אלע ווינשן איר א גליקלאכע צוקונפט און איר נייער היים.

* * *

מרס. ערין וואגעל, וועלכע איז ניט געווען אין שטאט פאר א פיר וואכן, איז איצט צוריקגעקומען פון א באזוך ביי אירע עלטערן אין סאנט פאול.

* * *

מרס. פאשקאווסקי פון וואקו האט פארבראכט א פאר טעג דא אין שטאט, זי איז געווען דער גאסט פון מרס. וו. איידלמאן.

מר. טשארלי רעפ. פון דער פירם מארטאנס לימיטעד איז צוריקגעקומען פון א געשעפטס רייזע באזוכנדיק מאנטרעאל, ניו־יארק.

* * *

מר. שעכטמאן פון מינעאפאליס איז געווען פאר א קורצער צייט אין שטאט. ער איז געווען דער גאסט פון דער פאמיליע שטערנבערג.

* * *

דינסטאג אוונט, דעם 15טן מאי, האט די "בני ברית אפגעהאלטן דעם מאנאטלאכן מיטינג אין שול זאל. מר. מ. ד. פרידמאן האט געהאלטן א לענגערן רעפעראט איבער דער טעמע : "די טראגעדיע פון אלפערט דרייפוס". נאכדעם האט אים דער ב"ב לאדזש פרעזענטירט מיט א שיינעם לעדערנעם רייזע רענצל, וואס ער וועט קאנען נוצן אין זיין רייזע קיין א"י. אויך האט דער לאדזש פרעזענטירט איינעם פון זיינע טיכטיקסטע מיטגלידער, מר. דייוו טשערקא, מיט א שיינעם סעט פען און פענסל. מר. טשערקא פארט אם אינגיכן קיין קאלגארי.

ל. שטערנבערג.

אויגן עקזאמענירט



נייע וויסנשאפט מעטאדן גענוצט. גלעזער געפאסט.
דילערס:
פאקעט און וואנט זייגערס, דייעמאנדס, דזשועלרי. עקספערטן אין זייגער און דזשועלרי רעפעירס. 25 יאר דערפארונג אין אלע דעפארטמענטס.
העמס
דזשועלרי און אפטיקאל קאמפאני
.259 צווייטע עוועניו סאוט, סאסקאטון

אויב ס'איז זייגערס



זעט די
STACEY BROS.
קוואליטעט דזשועלערס
דייעמאנדס, מעריעדזש לייסענס
Stacey Bldg., 20th Street West
Phone 3410

ROSS PLUMBING
& HEATING CO.
סאניטארי און באהייצונג אינזשינערן
ד. א. ראס, אייגנטימער
132 Ave. A. North, Saskatoon, Sask.
Phone 3919

הוסטן און פארקילונגען
מארשאל'ס סירופ
אף ספרוס און מאלי
גיט שנעלע הילף
35 סענט און 60 סענט פייזעס
מעקבין און מארשאל
פרעסקריפשאן דראגיסטן
קארנער 2טע עוועניו און 20טע סטריט
טעלעפאן 4446—4211
427—20טע סטריט וועסט.
טעלעפאן 3217
מיר דעליווערן

Birney's Hardware
אויסשליסלאכע אגענטן פאר
טשי־נעמל
ווארנישעס
און אלע
שנעל טריקנדיקע ענעמלס
AVENUE A and 20th STREET
Phones 2988-3466 Saskatoon

נוצט
Palm
אייז קרים
"די קרים פון זיי אלע"
PALM DAIRIES LTD.
487-1ST AVE. N. SASKATOON